**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שלאגט פאר נייע געזעץ צו פארשטערקערן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס אינדוסטריע דורכן זיך שטרענג באנעמען מיט אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן

***געזעץ וועט ערלויבן די סטעיט צו אפשטעלן אומלעגאלע קאנאביס פארקויפונגען אין געשעפטן ווי אמשנעלסטן; געשעפטן קענען געגעבן ווערן א קנס פון העכער $10,000 פער טאג פון אומלעגאלע אקטיוויטעטן***

***עס וועט פארשטערקערן אנגייענדע אינפארסירונג באמיאונגען דורכן גיבן נייע אינפארסירונג מעגליכקייטן פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און פאר די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ***

***געזעץ וועט אנהאלטן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קאנאביס יושר'דיגקייט סעיפים בשעת'ן פארזיכערן א שטרענג-רעגולירטע קאנאביס אינדוסטריע וואס באשיצט קונדן און לעגאלע פארקויפער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארגעשלאגן א נייער געזעץ צו פארגרעסערן די ציווילע און טעקס שטראפן פאר אומלייסענסירטע און אומלעגאלע פארקויפונג פון קאנאביס אין ניו יארק. דער געזעץ וועט אויך גיבן מער אינפארסירונג מעגליכקייטן פאר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג ( Office of Cannabis Management, OCM) און פאר די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ ( Department of Taxation and Finance, DTF) צו אינפארסירן די נייע רעגולאציעס און פארמאכן געשעפטן וועלכע זענען פארמישט אין אומלעגאלע פארקויפונגען פון קאנאביס.

"אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע וואכן האב איך געארבעט מיט די לעגיסלאטור אויף נייע געזעצן צו פארשטערקערן ניו יארק'ס רעגולאטארישע סטרוקטור פאר קאנאביס פראדוקטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אנגייענדע עקזיסטענץ פון אומלעגאלע געשעפטן איז אומאקצעפטירבאר, און מיר דארפן נאך אינפארסירונג מיטלען צו באשיצן ניו יארקער פון סכנות'דיגע פראדוקטן און צו שטיצן אונזערע גלייכקייט אינציאטיוון. איך בין שטאלץ מיט אונזער אנגייענדע פארשריט מיטן אויפשטעלן די גענצליך נייע לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע און העלפנדיג לעגאלע געשעפטן צו עפענען זייערע טויערן צו אפפערן זיכערערע קאנאביס פראדוקטן פאר ניו יארקער."

דער נייער געזעץ וואס ווערט פארגעשלאגן אלץ א גאווערנער'ס פראגראם אין די סענאט און אסעמבלי ענדערט דעם טעקס געזעץ און דעם קאנאביס געזעץ צו ערמעגליכן די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג, דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו אינפארסירן באגרעניצונגען אויף אומלייסענסירטע געשעפטן. דער געזעץ לייגט נישט ארויף קיינע נייע שטראפן אין פארבינדונג מיט

קאנאביס באזיץ דורך א פריוואטער מענטש פאר פערזענליכע באנוץ און עס ערלויבט נישט פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו נעמען אינפארסירונג שריט קעגן פריוואטע מענטשן.

דער געזעץ וועט ערלויבן צום ערשטן מאל די OCM און DTF צו זיך אראפלאזן אויף אומלייסענסירטע אקטיוויטעטן, באשיצן ניו יארקער און פארזיכערן די הצלחה פון נייע קאנאביס ביזנעסער אין ניו יארק. דער געזעץ וועט איבערארבעטן יעצטיגע שטראפן פאר אומלעגאלע קאנאביס האנדל צו גיבן די אינפארסירונג אויטאריטעט פאר DTF 'פרידן אפיצירן' און שאפן א געשליפענע, פארטרויליכע און יושר'דיגע אינפארסירונג סיסטעם, און עס וועט ארויפלייגן נייע קנסות אויף ריטעיל געשעפטן וועלכע פרובירן זיך ארויסצודרייען פון סטעיט קאנאביס שטייערן. אין צוגאב וועט עס אויסקלארן און פארברייטערן די OCM'ס אויטאריטעט צו קאנפיסקירן אומלעגאלע פראדוקטן, עס וועט צושטעלן בקיצור'דיגע פראצעדור פראטאקאלן פאר די OCM און אנדערע רעגירונג קערפערשאפטן צו אפשפארן אומלייסענסירטע ביזנעסער, און עס וועט שאפן א סיסטעם פאר מער עפעקטיווע אינפארסירונג באמיאונגען צווישן אגענטורן. פארלעצונגען פון דעם געזעץ קען פירן צו קנסות פון $200,000 פאר אומלעגאלע קאנאביס פלאנצונגען אדער פראדוקטן, און עס וועט ערלויבן די OCM צו קנס'נען ביזנעסער $10,000 א טאג פארן זיין פארמישט אין קאנאביס האנדל אן א לייסענס.

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסענדער, האט געזאגט,** "די הצלחה פון ניו יארק'ס היסטארישע יושר-באזירטע צוגאנג צו די קאנאביס אינדוסטריע איז געוואנדן אין די שטרענגקייט מיט אונזערע קאנאביס געזעצן. ביזנעסלייט וועלכע זוכן צו ארייננקומען אין אונזער לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע – באזונדערס מענטשן וועלכע זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם און ווילן באקומען א CAURD לייסענס – ווערן עקאנאמיש געשעדיגט דורך בייזוויליגע פארשוינען וועלכע פילן אן זייערע געשעפטן מיט צווייפלהאפטיגע פראדוקטן וועלכע זענען נישט רעגולירט און מעגליך סכנות'דיג. די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג איז פולשטענדיג אנטשלאסן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אריבער די סטעיט צו פערמאנענטערהייט אפשליסן די אפעראציעס און ערלויבן לעגאלע, לייסענסירטע ביזנעסער צו וואקסן און בליהען."

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגע קאמישאנער פון שטייערן און פינאנץ, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט בויט אויף איר קאנאביס מארקעט, בשעת'ן שטופן פאראויס די אייגנארטיגע געזעלשאפטליכע-גלייכקייט באשטאנדטייל פון דעם MRTA שטייערן פון ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס פינאנצירן אונזערע סקולס און דראג באהאנדלונג און פובליק אויפקלערונג פראגראמען. די שטייערן ביישטייערן אויך צו די ניו יארק סטעיט קאמיוניטיס גרענטס ווידער-אינוועסטירונג קאסע ( Community Grants Reinvestment Fund) וואס אינוועסטירט צוריק שטייער איינקונפטן פון קאנאביס האנדל אין קאמיוניטיס וועלכע האבן די מערסטע געליטן פון די איבערגעטריבענע פאליציי אינפארסירונג און קאנאביס פארבאט. די נייע וועזנטליכע שטייער אינפארסירונג מעגליכקייטן וועלן אונז ערלויבן צו שטרענג באהאנדלען אומלעגאלע אפעראציעס און העלפן פארזיכערן אז די געלעגנהייטן וועלכע וואלטן שוין פון לאנג געדארפט זיין זענען טאקע דא פאר די קאמיוניטיס."

די פולע נוסח פון דעם געזעץ איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן